**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/8/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד-הויכע צאל פאסאנזשירן אויף MTA באנען**

***LIRR און Metro-North ברעכן ביידע רעקארדס פון צאל רייזנדע, פירנדיג איבער 380,000 פאסאנזשירן; LIRR איבערשטייגנדיג 200,000 פאסאנזשירן אויף א וואכן טאג צום ערשטן מאל זינט מערץ 2020***

***סאָבוועיס און באסעס האבן געפירט די מערסטע פאסאנזשירן זינט די פרילינג, כמעט 5 מיליאן אויף סעפטעמבער 7; סאָבווע' פאסאנזשירן צאל שטייט ביי 3.4 מיליאן, א 36.1 פראצענטיגע וואוקס העכער ענליכע טאג לעצטע יאר***

***זעהט בילדער פון צוריקקערנדע פאסאנזשירן [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט רעקארד-הויכע צאלן פון רייזנדע אויף באנען פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) דעם מיטוואך, סעפטעמבער 7. די Long Island Rail Road איז איבערגעשטיגן די 200,000 פאסאנזשירן אויף א וואכן טאג צום ערשטן מאל זינט מערץ 2020, פירנדיג 203,983 רייזנדע. Metro-North באנען האבן געפירט א רעקארד צאל פון 179,268 פאסאנזשירן דעם מיטוואך, איבערשטייגנדיג די באנען'ס פאריגע רעקארד וואס איז דערגרייכט געווארן אין יוני 28 מיט 174,900.

"איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די לעצטע עררייכונג מיט די צאל פאסאנזשירן אזוי ווי מיר ענטפאנגען ניו יארקער צוריק אין סקול און צום ארבעט די וואך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פובליק טראנספארטאציע איז די לופט צו אטעמען פון ניו יארק סיטי, און מיר קוקן ארויס צו בויען אויף די פארשריט אזוי ווי מיר זעצן פאר צו צוריקגיין צו די פאסאנזשיר צאלן פון בעפאר די פאנדעמיע."

סאָבוועיס און באסעס האבן אויך געוויזן וואוקס, פירנדיג נאענט צו פינף מיליאן פאסאנזשירן די טאג בעפאר ניו יארק סיטי סקולס האבן זיך געעפנט. די צאל סאָבווע' פאסאנזשירן איז געשטיגן מיט כמעט 10 פראצענט אין פארגלייך צו פארגאנגענע וואך, פירנדיג 3,440,418 פאסאנזשירן, א 36.1 פראצענטיגע העכערונג פון די ענליכע טאג אין 2021. די צאל פאסאנזשירן אויף באסעס איז אויך געווען שטארק מיט א סך הכל וואס שטייט דערווייל אויף 1,313,658 פאסאנזשירן און איז ערווארטעט צו שטייגן מיט בערך 15 פראצענט ווען די פאסאנזשיר ציילונג ווערט פארטיג.

**MTA טשעיר און CEO דזשענאָ ליעבער האט געזאגט,** "מאסן טראנספארטאציע איז די לופט צום אטעמען פאר ניו יארק, און עס איז די ביליגסטע וועג צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן. עס איז די בעסטע וועג פאר מענטשן צו באקומען וואס ניו יארק האט צו אפפערן. מיט שילער/ינס, לערער/ינס און אפיס ארבייטער זיך יעצט צוריקקערנדיג אין די גאנצע ראיאן, האפן מיר צו אנהאלטן די פארשריט און דערגרייכן מער עררייכונגען אין די בעפארשטייענדע וואכן."

**Metro-North פרעזידענט און Long Island Rail Road צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די פאסאנזשיר באנען בלייבן די באקוועמסטע וועג צו אנקומען צו ניו יארק סיטי פון לאנג איילענד, די האדסאן וואלי און קאנעטיקוט. פאר פאסאנזשירן וועלכע קערן זיך צוריק נאך א וויילע, איז דאס פארן אויף די באנען קיינמאל נישט גרינגער געווען. פאסאנזשירן קענען יעצט נוצן די נייע 'אלעס-אין-איין' TrainTime עפּ צו קויפן טיקעטס, פלאנירן רייזעס, זעהן באן קאפאציטעט און נאכפאלגן באנען פארביידע פאסאנזשיר באנען נעטווארקס. און מיט די טיקעט פרייזן דיסקאונטס וואס מיר האבן אנגעהויבן גיבן פריער דעם יאר, איז עס זעלבסט-פארשטענדליך אז די באן איז די בעסטע אפציע."

**ניו יארק סיטי טרענזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט,** "די היינטיגע רעקארד צאל פאסאנזשירן סיגנאלירט אז ניו יארקער געטרויען די סאָבוועיס און באסעס זיי צו נעמען וואו זיי דארפן גיין. מיט טייל ניו יארקער זיך צוריקקערנדיג צו זייערע טעגליכע ריזיעס צום ערשטן מאל אין א ווייליע, וועלן NYC טרענזיט ארבייטער זיין אין די סיסטעם צו ארויסהעלפן פאסאנזשירן אדער פשוט צו זאגן 'ברוכים השבים'."

אין גרייטונג פאר די נייע סקול יאר, האט די MTA ארויסגעלאזט נאך באסעס אין אלע פינף באראוס אויף וואכן טעג פאר די רעשט פון די סקול יאר. אין צוגאב, שטעלט די MTA צו 'פאסאנזשיר אמבאסאדארן' אין די בראנקס צו העלפן שילער/ינס, זייערע פאמיליעס און די וועלכע גיבן זיך אפ מיט זיי צו זיך אן עצה געבן מיט די נייע בראנקס לאקאלע באס נעטווארק איבערגעמאכטע רוטס וועלכע האבן זיך אנגעהויבן אין יוני. די אמבאסאדארן וועלן זיין צו ארויסהעלפן מענטשן פאר די ערשטע פיר טעג פון סקול, סעפטעמבער 8, 9, 12 און 13.

די MTA זעצט פאר צו מוטיגן מענטשן צו נוצן פובליק טראנספארטאציע מיט טיקעט פרייזן דיסקאונטס אנגעהויבן פריער דעם יאר.

די אויטאריטעט האט אנגעהויבן א פראבע צו שטעלן א מאקסימום אויף טיקעט פרייזן אויף סאָבוועיס און באסעס דורך אירע 'קאנטאקטלאזע' טיקעט באצאלונג סיסטעם OMNY וואס שטעלט א מאקסימום אויף וועכנטליכע סאָבוועי און באס טיקעט באצאלונגען. די פראבע רעכנט אריין א "Lucky 13" פיטשעווקע, דורך וועלכע – אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך – וועט יעדע רייזע נאכדעם אויף די סאבוועי אדער באסעס זיין אומזיסט פאר די רעשט פון די וואך.

אויף די באנען, האבן סיי LIRR און סיי Metro-North אנגעהויבן טיקעט פרייזן אפפערס, אריינרעכענענדיג א 10 פראצענטיגע דיסקאונט אויף חודש'ליכע פאסן און א נייע 20-רייזע טיקעט ספעציעל פאר מענטשן וועלכע ארבעטן טיילוויז פונדערהיים. די נייע 20-רייזע טיקעט שפארט איין פאר פאסאנזשירן 20 פראצענט אויף רעגלמעסיגע טיקעטס אין פארנומענע צייטן. פאר די פאסאנזשירן פון די באנען וועלכע פארן אין די פינף באראוס האט די MTA אויך פארברייטערט 'סיטי טיקעט' (City Ticket), וואס אפפערט א רעדוצירטע באשטימטע פרייז פון $5.00 פארן נוצן די באן אין ניו יארק סיטי סוף פון די וואך צו אריינרעכענען אלע באן רייזעס אין נישט פארנומענע צייטן אין וואכן טעג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418